בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון ס"ד

פרשת בהעלותך
שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

מִיטְוָואךְ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, שְׁנַת תשפ"ג

## וואוּ לֵייגְט מֶען דִי סֶענְט מָארִיךְ?

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זֶענֶען מִיר מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן מִיטְוָואךְ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, בַּיי אַ מְסִיבַּת 'שֶׁבַע בְּרָכוֹת' וָואס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א, לְכָבוֹד דִי מְחוּתָּנִים אוּן דֶער חָתָן וָואס זֶענֶען אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט אִין דִי מוֹסְדוֹת.**

### עֲבוֹדַת בֵּית הַמִּקְדָּשׁ

עֶס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ אַז מֶען הָאט דָא אַ מִשְׁפָּחָה וָואס דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אִיז עוֹסֵק אִין מְחַנֵּךְ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דֶער חָתָן אִיז אַ מְלַמֵּד, דִי כַּלָּה אִיז אַ לֶערֶערִין, אוּן אֵיין מְחוּתָּן אִיז דֶער מְנַהֵל, אוּן דִי צְוֵוייטֶע מְחוּתָּן אִיז אוֹיךְ אַ מְלַמֵּד; דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אִיז עוֹסֵק אִין עֲבוֹדַת בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען פוּן צַדִּיקִים זֵייעֶר אַ טֵייעֶר וָוארְט, אִיךְ הָאבּ דָאס שׁוֹין אַסַאךְ מָאל גֶעזָאגְט אוּן אִיךְ ווִיל עֶס נָאכְאַמָאל אִיבֶּער זָאגְן. עֶס שְׁטֵייט אִין רַמְבַּ"ם אִין הִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה (פֶּרֶק ב', הֲלָכָה ב): **"וְאֵין מְבַטְּלִין הַתִּינוֹקוֹת, וַאֲפִלּוּ לְבִנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ"**, אוֹיבּ מָשִׁיחַ אִיז אִינְדְרוֹיסְן, מֶען וָוארְט מֶען זָאל אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דִי עַסְקָנִים שְׁווִיצְן אוּן בֶּעטְן זִיךְ בַּיים מְלַמֵּד אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן אַרוֹיס קוּמֶען הֶעלְפְן, וֶועט זַיי דֶער מְלַמֵּד מוּזְן זָאגְן: **"מֶען קֶען נִישְׁט אַרוֹיס קוּמֶען, מֶען דַארְף יֶעצְט ווַייטֶער לֶערְנֶען"**, אוּן זֵיי וֶועלְן ווַייטֶער לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע חוּמָשׁ: **"וַיְהִי, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען", "בְּשַׁלַּח פַּרְעֹה, וֶוען פַּרְעֹה הָאט אַרוֹיס גֶעשִׁיקְט"...**

אִינְטֶערֶעסַאנְט אִיז אַז דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט אִיבֶּער דִי הֲלָכָה נָאכְאַמָאל אִין הִלְכוֹת בֵּית הַבְּחִירָה (פֶּרֶק א', הֲלָכָה יב): **"וְאֵין מְבַטְּלִין תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן לְבִנְיָן"**, מֶען טָאר נִישְׁט שְׁטֶערְן דִי קִינְדֶער פוּן לֶערְנֶען, אַפִילוּ מֶען דַארְף זֵיי הָאבְּן צוּ בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; פַארְוָואס דַארְף דָאס דֶער רַמְבַּ"ם אִיבֶּערְ'חַזֶרְ'ן צְוֵויי מָאל? - זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים אַז דָאס אִיז צְוֵויי בַּאזוּנְדֶערֶע הִלְכוֹת, אֵיין הֲלָכָה אִיז אִין 'הִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה' דָארְט זָאגְט דֶער רַמְבַּ"ם אַז מֶען קֶען נִישְׁט מְבַטֵּל זַיין לֶערְנֶען תּוֹרָה אַפִילוּ כְּדֵי צוּ בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, נָאכְדֶעם זָאגְט דֶער רַמְבַּ"ם נָאךְ הֲלָכָה אִין הִלְכוֹת בֵּית הַבְּחִירָה, ווִי אַזוֹי בּוֹיט מֶען אוֹיף דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ? דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי מְלַמְּדִים לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער, - דָאס אִיז בִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ!

### אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ מָשָׁל

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: קוּק, ווִילַאנְג אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט פָּשׁוּט: **"דוּ בִּיסְט עוֹסֵק בְּרוּמוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִין דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ"** - הָאסְטוּ עֶס נִישְׁט גֶעכַאפְּט, יֶעצְט אַז דוּ הֶערְסְט עֶס אִין אַ קַשְׁיָא מִיט אַ תֵּירוּץ - פַארְשְׁטֵייסְטוּ עֶס שׁוֹין; אוּן דָאס דַארְף דֶער מְלַמֵּד טוּן מִיט דִי קִינְדֶער, עֶר קֶען נִישְׁט זָאגְן פָּשׁוּט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל **"עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער", "עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער"**, נָאךְ מֶען דַארְף עֶס אַרַיין לֵייגְן אִין אַ מַעֲשֶׂה אָדֶער אַ מָשָׁל פוּן טְרוֹיבְּן אוּן רָאזִינְקֶעס, אַזוֹי וֶועט דָאס דֶער קִינְד גֶעדֶענְקֶען.

### וָואס דַארְף אַ טַאטֶע מַאמֶע?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם מְחוּתָּן, דֶער מְנַהֵל:** מִיר זֶענֶען זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַאר דִיר אוּן דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, פַארְן זִיךְ אַזוֹי אַוֶועקְגֶעבְּן פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער. וָואס דַארְף דֶען אַ מֶענְטְשׁ? עֶר ווִיל נָאר זֶען אַבִּיסְל נַחַת, דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן! אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז גֶעלְט וֶועט אִים פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אָבֶּער וָואס הָאט מֶען פוּן גֶעלְט?! אִיךְ וֵייס פוּן עֲשִׁירִים, אִיךְ ווִיל נִישְׁט זָאגְן זֵייעֶרֶע נֶעמֶען בָּרַבִּים, אִיךְ ווִיל קֵיינֶעם נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט דוּרְכְגֵיין זֵייעֶרֶע הַייזֶער וֶועסְטוּ זֶען זֵיי וואוֹינֶען אִין פַּאלַאצְן, אָבֶּער אִינֶעוֵוייגִיג אִיז עֶס 'טוֹיטֶע טוּנְקֶעלֶע פַּאלַאצְן', טַאטֶע מַאמֶע זֶענֶען שׁוֹין עֶלְטֶער אוּן דִי קִינְדֶער ווִילְן גָארְנִישְׁט ווִיסְן פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִילָה הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, זֵייעֶרֶע פַּאלַאצְן זֶענֶען אוֹיסְטֶערְלִישׁ רַייךְ אוּן שֵׁיין, אָבֶּער אִינֶעוֵוייְנִיג אִיז טוּנְקְל עֶס אִיז מַמָּשׁ וְיָמֵשׁ חֹשֶׁךְ, מֶען קֶען אָנְטַאפְּן דָאס טוּנְקֶלְקֵייט.

וָואס דַארְף אַ טַאטֶע מַאמֶע? - טַאטֶע מַאמֶע ווִילְן נָאר אַבִּיסְל נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער זָאלְן גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן אַ גֶעפִיל אִין צַדִּיקִים.

אִיר וֵוייסְט וָואס פַאר אַ נֵס מִיר הָאבְּן? מִיר הָאבְּן אַ פְּלַאץ פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וואוּ זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ נִישְׁט פוּן רֶבִּי'ן! קֶענְסְט מִיר בְּרֶענְגֶען פֶעלֶערְן פוּן דָא בִּיזְ'ן דַאךְ, אַז דָאס אִיז נִישְׁט נָארְמַאל אוּן דָאס אִיז נִישְׁט נָארְמַאל [בִּפְרַט בַּיי דִי פְרוֹיעֶן נִיצְט מֶען גָאר אַסַאךְ דֶעם אוֹיסְדְרוּק: **"עֶס אִיז נִישְׁט נָארְמַאל"**...] מִיט דֶעם אַלֶעם, לֵייג אַלֶעס אַלֶעס אוֹיף אֵיין זַייט פוּנֶעם וָואגְשָׁאל אוּן בַּיי דִי אַנְדֶערֶע זַייט לֵייג דֶער מַעֲלָה אַז דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף מִיט אַ גֶעפִיל אִין רֶבִּי'ן - לוֹינְט עֶס! דֶער רֶבִּי וֶועט אִים שׁוֹין בְּרֶענְגֶען צוּ דִי שֶׁענְסְטֶע זַאכְן. אוּן אָךְ אוּן וֵויי אוֹיבּ דֶער טַאטֶע אִיז אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר אוּן דִי קִינְדֶער הֵייבְּן אָן אוֹיסְצוּדְרֵייעֶן דִי רוּקְן פוּנֶעם רֶבִּי'ן, זֵיי ווִילְן שׁוֹין נִישְׁט קוּמֶען קַיין אוּמַאן, דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁלֶעכְט.

דֶערְפַאר, הָאבּ אִיךְ אַן הַכָּרַת הַטּוֹב פַארְ'ן מְנַהֵל אוּן פַארְ'ן מְחוּתָּן - דֶער מְלַמֵּד; פִינְף פוּן מַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן שׁוֹין גֶעלֶערְנְט בַּיי דֶעם מְלַמֵּד, בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אוּן קוּמֶענְדִיגֶע יָאר שִׁיק אִיךְ אַרַיין נָאךְ אַ קִינְד בַּיי אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן אַסַאךְ נַחַת, אוּן מֶען זָאל זִיךְ בַּאנֵייעֶן פוּן פְרִישׁ אַרַיין צוּ לֵייגְן אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן אִין דִי קִינְדֶער.

### אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער שֵׁיינֶע זַאכְן פַאר יוֹם טוֹב

יֶעצְט אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן פִיר וָואכְן בִּיז פּוּרִים, דַארְף מֶען ווִיסְן, פַאר פּוּרִים לִיגְן דִי

קִינְדער קעפּ אִין די סְגֶעפְּס און אִין אַלֶע סָארְטְן פֵייער זַאכְן, אַזוֹי אִיז דער מְצִיאוּת; מֶענְטְשְׁן קְלָאגְן: "**די הַיינְטִיגֶע דוֹרוֹת, די הַיינְטִיגֶע יוּגְנְט... קִינְדער זֶענֶען פּוּרִים פַּארְנוּמֶען מִיט סְגֶעפְּס און נַארִישְׁקֵייטְן...**" - אִיךְ ווייס נִישְׁט וָואס מֶען זָאגְט, אִיךְ גֶעדֶענְק ווי אַלְס קִינְד הָאבּ אִיךְ פַּארְקוֹיפְט אִין חֵדֶר די אַלֶע סָארְט זַאכְן, און מֶען הָאט מִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט כַאפְּן...

דֶערְבֵּיי, אַז מִיר הָאבְּן נָאךְ פִיר וָואכְן בִּיז די הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב פּוּרִים, וֶועלְן מִיר אַרַיינְלֵייגְן אִין די קִינְדער אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן פּוּרִים..

אִיךְ קֶען זֶען אוֹיף די קֶעמֶערֶעס וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין אַלֶע קְלַאסְן פוּן די תַּלְמוּד תּוֹרָה, נֶעכְטְן קוּק אִיךְ אַרַיין די לֶעצְטֶע שָׁעָה נָאכְמִיטָאג אִין אַ כִּתָּה פוּן שְׁטֶעטְל, אִיךְ זֶע אַז זֵיי לֶערְנֶען עֶפֶּעס אַ לִימוּד, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קְלָאר גֶעקֶענְט זֶען וָואס זֵיי לֶערְנֶען, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעוואוּסְט אַז חוּמָשׁ און גְּמָרָא לֶערְנֶען זֵיי נִישְׁט, ווייל נָאכְמִיטָאג זֶענֶען דָאךְ די קִינְדער אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, דֶעמָאלְט לֶערְנְט מֶען שׁוֹין נִישְׁט קֵיין חוּמָשׁ און גְּמָרָא, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ קוּקְן שְׁטֶערְקֶער זֶע אִיךְ אַ סֵפֶר וָואס עֶס שְׁטֵייט אִינְוֶוייניג ווערטער "**וַיְהִי בִּימֵי**", טְרַאכְט אִיךְ צוּ מִיר 'וָואס לֶערְנְט דער מְלַמֵּד? אֶפְשָׁר סֵפֶר מִשְׁלֵי?' בִּיז אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר 'אָה, אֶפְשָׁר הָאט עֶר שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען מְגִלַּת אֶסְתֵּר', אִיךְ רוּף אִים אַרַיין און אִיךְ פְרֶעג אִים "**וָואס לֶערְנְט מֶען?**" זָאגְט עֶר מִיר: "**אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן וויפִיל טֶעג אִיךְ הָאבּ נָאךְ בִּיז פּוּרִים, און אַפָּאר טֶעג לֶערְנְט מֶען דָאךְ "שֵׁיין שְׁרַייבְּן" און רֶעכֶענֶען, עֶס בְּלַייבְּט נִישְׁט אִיבֶּער צוּפִיל טֶעג, הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג די לֶעצְטֶע הַאלְבֶּע שָׁעָה אַבִּיסְל מְגִלַּת אֶסְתֵּר, אַרַיינְצוּבְּלָאזְן אִין די קִינְדער די מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ און אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה**", דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ, די קִינְדער וֶוערְן פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן אַז עֶס קוּמְט שׁוֹין פּוּרִים.

## וָואס מֵיינְט שֵׁיין?

**דער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם חָתָן:** דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ חָשׁוּבֶ'ע כַּלָּה, אַ צְנוּעָה און אֵיידְל. דער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ און די שְׁכִינָה זָאל רוּעֶן בֵּיי עֶנְק.

אִין די עֶרְשְׁטֶע מִשְׁנָה אִין מַסֶּכֶת נָזִיר שְׁטֵייט, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט: "**אֱהֵא נָאֶה**", אִיךְ וויל זַיין שֵׁיין, הָאט עֶר גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ נְזִירוּת, אוֹיבְּן אוֹיף קֶען מֶען טְרַאכְטְן, דֶערְפַאר ווערט עֶר אַ נָזִיר, ווייל עֶר הָאט גֶעזָאגְט "**אִיךְ וויל זַיין שֵׁיין**" און אַ נָזִיר גֵייט דָאךְ מִיט לַאנְגֶע הָאר, קוּמְט אוֹיס אַז לַאנְגֶע הָאר אִיז שֵׁיין, אָבֶּער די גְּמָרָא זָאגְט אַנְדֶערְשׁ, די גְּמָרָא פְרֶעגְט, פַּארְוָואס רוּפְט די מִשְׁנָה אָן אַ נָזִיר "**שֵׁיין**", נְזִירוּת אִיז דָאךְ אַן עֲבֵירָה?! רַבִּי אֶלְעָזָר הַקַּפָּר הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט אַז אַ נָזִיר אִיז אַ זִינְדִיגֶער מֶענְטְשׁ ווייל עֶר אִיז זִיךְ מְצַעֵר פוּן ווַיין, אוֹיבּ אַזוֹי קֶען דָאךְ נִישְׁט זַיין אַז די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאלְן זָאגְן אַז "**שֵׁיין**" - מֵיינְט אַ נָזִיר, אַן עֲבֵירָה אִיז דָאךְ נִישְׁט שֵׁיין! עֶנְטְפֶערְט די גְּמָרָא אַז עֶס אִיז דָא אַ נְזִירוּת וָואס מֶען מֶעג יָא מַאכְן, אִיז עֶס נִישְׁט קֵיין עֲבֵירָה.

זֶעט מֶען פוּן די גְּמָרָא וָואס מֵיינְט שֵׁיין? "**שֵׁיין**" אִיז וָואס דער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, שֵׁיין אִיז וָואס די תּוֹרָה זָאגְט, - צְנִיעוּת אִיז שֵׁיין!

## ווילְסְט שֵׁיין אָדֶער נִישְׁט שֵׁיין?!

אַסַאךְ מָאל פְרֶעגְן מִיר עֶס מֶענְטְשְׁן, אִין יֶעדֶע פְּלַאץ מֵיינְט 'אֵיידְל' עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, בַּיי די מִשְׁפָּחָה אִיז אֵיידְל אוֹיבּ מֶען גֵייט אָנְגֶעטוֹן כַּךְ וְכַךְ, און בַּיי די מִשְׁפָּחָה אִיז אֵיידְל אוֹיבּ מֶען גֵייט אָנְגֶעטוֹן כַּךְ וְכַךְ, פְרֶעגְט מֶען: יֶענֶע פְרוֹי וָואס גֵייט אָנְגֶעטוֹן ווֶיינִיגֶער אֵיידְל פוּן מִיר - גֵייט דָאךְ אוֹיךְ בַּאקוּמֶען גַן עֵדֶן פַּאר'ן גֵיין אָנְגֶעטוֹן ווי אַזוֹי מֶען גֵייט בַּיי זֵיי, אוֹיבּ אַזוֹי, פַּארְוָואס אִיז דָאס נִישְׁט גֶענוּג פַּאר מִיר? וָואס בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג אַז אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן גֶעווָארְן אִין אַ מִשְׁפָּחָה וָואס אֵיידְל אִיז כַּךְ וְכַךְ?!

נָאךְ אַ קַשְׁיָא וָואס אֵיינֶער הָאט מִיר לֶעצְטְנְס גֶעפְרֶעגְט, די אִידִישֶׁע פְרוֹי'ס וָואס אִירֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין אַ הִיבְרוּ דֵעי סְקוּל, און זִי גֵייט מִיט הוֹיזְן, זִי הִיט שַׁבָּת און אִיז מַקְפִּיד אוֹיף כַּשְׁרוּת, זִי גֵייט דָאךְ אוֹיךְ בַּאקוּמֶען אִיר גַן עֵדֶן, אוֹיבּ אַזוֹי פַּארְוָואס דַארְף אִיךְ זַיין מֶער? ווען אִיךְ וָואלְט ווען דָארְט גֶעבּוֹירְן גֶעווָארְן וָואלְט דָאס אוֹיךְ גֶעווֶען גֶענוּג פַּאר מִיר!

הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַּאר יֶענֶעם, וָואס אִיז דַיין פְּרָאבְּלֶעם? דוּ דַארְפְסְט גַן עֵדֶן? - גַן עֵדֶן ווֶעט מֶען דִיר גֶעבְּן וויפִיל דוּ ווילְסְט, מֶען גֶעבְּט דִיךְ וויפִיל גַן עֵדֶן דוּ ווילְסְט, נִישְׁט גַן עֵדֶן מַאכְט דָאס אוֹיס, דָא רֶעדְט מֶען פוּן שֵׁיין, "**אֵיידְל אִיז שֵׁיין!**" וָואס ווילְסְטוּ? ווילְסְט שֵׁיין אָדֶער נִישְׁט שֵׁיין?!

## וואוּ לֵייגְט מֶען די סֶעיְנְט מָארִיץ?

אַמָאל הָאט דָא גֶעדַאווֶענְט אַ שָׁכֵן, פְרֶעגְט עֶר מִיר, אִיךְ פַּארְשְׁטֵיי נִישְׁט, דער מָאדֶערְנֶער אִידְל וָואס גֵייט צוּ אַ אָפֶּענֶע וַואסֶער פַּארְק און גְלִיטְשְׁט זִיךְ אַרָאפּ, עֶר ווֶעט פְלַאקֶערְן גֵיהִנּוֹם?! - נֵיין! - אוֹיבּ אַזוֹי פַּארְוָואס ווייל אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן גֶעווָארְן אִין אַ חֲסִידִי'שֶׁע שְׁטוּבּ, אִיז פַּאר מִיר אַן עֲבֵירָה אוֹיבּ אִיךְ ווֶעל זִיךְ אַרָאפּ גְלִיטְשְׁן אִין אַ וַואסֶער פַּארְק?! - אִיךְ הָאבּ בֶּאֱמֶת נִישְׁט פַּארְשְׁטַאנֶען וָואס פַּאר אַ דַאגוֹת דער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעהַאט... אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ פְרַאגֶע, וָואס אִיז דַיין פְּרָאבְּלֶעם? וָואס מִישְׁטוּ דָא אַרַיין 'גַן עֵדֶן' מִיט 'גֵיהִנּוֹם'?! - דוּ ווילְסְט פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין לֶעבְּן, אָדֶער דוּ ווילְסְט לֶעבְּן אַ גוּט לֶעבְּן און זַיין צוּפְרִידְן מִיט דַיין ווַייבּ? - הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן און זַיין צוּפְרִידְן מִיט די ווַייבּ, קֶען מֶען נָאר הָאבְּן אוֹיבּ מֶען לֶעבְּט אוֹיף די ווֶעג פוּן די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

די אַלֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט אַרוֹיף גֶעלֵייגְט אוֹיף דִיר, נָאךְ אַ זַאךְ וָואס מֶען זָאל נִישְׁט טוּן און נָאךְ אַ זַאךְ וָואס מֶען זָאל נִישְׁט טוּן, דָאס אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט כְּדֵי דִיךְ צוּ טְשֶׁעפֶּען, דָאס אִיז פַּאר דַיין טוֹבָה!

עֶס אִיז דָא מַאמֶעס וָואס לֵייגְן די סֶעיְנְט מָארִיץ (שַׁארְפֶע זֵייף) אוֹיף די הֶעכְסְטֶע שַׁאפֶע, פַּארְוָואס? נִישְׁט ווייל מֶען וויל אֵיינֶעם אָפְּטוּן, נָאר מֶען וויל נִישְׁט עֶס זָאל פַּאסִירְן אַ סַכָּנָה, אַ קִינְד זָאל חַס וְשָׁלוֹם גֶעשֶׁעדִיגְט וֶוערְן דֶערְפוּן, די זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט די אַלֶע זַאכְן וָואס מֶען זָאגְט דִיר אַן דוּ זָאלְסְט עֶס נִישְׁט טוּן, אִיז נִישְׁט ווייל מֶען וויל דִיךְ מַעֲנִישׁ זַיין, פַּארְקֶערְט, מֶען וויל דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּטֶע און זִיסֶע לֶעבְּן.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דער חָתָן הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם; דער חָתָן הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל בַּאקוּמֶען אַ כַּלָּה מִיט אֵיידְלְקֵייט און עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם.

## מִיר ווֶעלְן זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער

דער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אַלֶע מְחוּתָּנִים זָאלְן הָאבְּן אַסַאךְ נַחַת, און די אַלֶע וָואס הֶעלְפְן אַרוֹיס מִיט די חֵדֶר און שׁוּלֶע זָאלְן ווִיסְן, מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט פַּאר די יָארְצַייט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, דָאס אִיז גֶעוֶוען מוֹהֲרָא"שׁ'ס עִיקָר זַאךְ, זַיין גַאנְץ לֶעבְּן הָאט עֶר עוֹסֵק גֶעוֶוען אַז די קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן קִינְדֶער.

ווֶען דער מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ ווֶעט קוּמֶען, ווֶעלְן מִיר קֶענֶען אַנְטְקֶעגְן גֵיין צוּ מָשִׁיחַ מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, מִיר ווֶעלְן זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, מִיר ווֶעלְן אִים זָאגְן: "**קוּק, דָאס זֶענֶען אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, דָאס זֶענֶען אוּנְזֶערֶע אֵיינִיקְלֶעךְ, זֵיי הָאבְּן לִיבּ אִידִישְׁקֵייט, זֵיי ווייסְן אַז אִידִישְׁקֵייט אִיז זִיס, זֵיי ווייסְן אַז אִידִישְׁקֵייט אִיז גֶעשְׁמַאק**".

דער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, ווֶעלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

## יוֹם הַחֻפָּה הֵייבְּט מֶען אָן אַ נֵייעֶ לֶעבְּן

**נָאכְן שִׁיעוּר אִיז גֶעוֶוען שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶסְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, דער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט:** דער רַבִּי הָאט גֶעהַאט אַ חָשׁוּבֶ'ער תַּלְמִיד רַבִּי שִׁמְעוֹן, דער רַבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דער צֵרוּף פוּן זַיין נָאמֶען 'שִׁמְעוֹן' אִיז 'עָו"ן מָ"שׁ', אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער וָואס הָאט דֶעם זֶעלְבְּן נָאמֶען 'שִׁמְעוֹן' הָאט דֶעם צֵרוּף, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז דער חָתָן'ס נָאמֶען אִיז 'שִׁמְעוֹן', יֶעצְט שְׁטִימְט זִיכֶער דער צֵרוּף בַּיים חָתָן, ווייל עֶר הָאט גֶעהַאט אַ יוֹם הַחֻפָּה, וָואס מֶען טוּט תְּשׁוּבָה און מֶען הֵייבְּט אָן אַ נֵייעֶ לֶעבְּן, אִיז עֶס

# הֶמְשֵׁךְ שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

מִיטְוָואךְ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, שְׁנַת תשפ"ג

טַאקֶע 'עָו"ן מָ"שׁ'.

### וִוי נֶעמְט מֶען אַרָאפּ עַיִן הָרָע?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מְכַבֵּד גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן דִי מְחוּתָּנִים צוּ רֶעדְן, אוּן דֶער מְחוּתָּן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִים גֶעזָאגְט:** מֶען דַארְף נִישְׁט זָאגְן קַיין תּוֹרוֹת, קֶענְסְט בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער: **"שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער"**, עֶס אִיז אַ שֵׁיינֶע זַאךְ צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בָּרַבִּים.

אוֹיךְ אִיז עֶס וִויכְטִיג וַוייל אַזוֹי וִוי עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן צוּ אַ שִׂמְחָה, קֶען זַיין אַז עֶס קוּמֶען אַרַיין מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט, אוּן זֵיי קוּקְן אָן דֶעם בַּעַל שִׂמְחָה מִיט אַן עַיִן הָרָע, מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע אוֹיג, מִיט אַן אוּם פַארְגִינֶענְדִיגֶע אוֹיג, אוּן דָאס קֶען זַיין אַ סַכָּנָה.

דֶערִיבֶּער אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זוּכְן אַלְץ צוּ טוּן בַּיי זֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת עֵצוֹת קֶעגְן אַן 'עַיִן הָרָע'. דֶער סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זִיךְ אִיבֶּער דְרֵייעֶן זַיין קַאפְּל וֶוען עֶר אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּ הַקָּפוֹת, אוֹיךְ גֶעדֶענְק אִיךְ בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען אִינְמִיטְן אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן אוֹיסְגְרַאמֶען מוֹהֲרָא"שׁ, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ זִיךְ אוֹיסְגֶעטוּן דִי שְׁטְרַיימְל אוּן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט זַיין קַאפְּל, כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט שַׁאטְן אַ שְׁלֶעכְטֶע אוֹיג וָואס מֶענְטְשְׁן קוּקְן.

מֶענְטְשְׁן פְּרֶעגְן מִיר: **"דִי אַלֶע זַאכְן וָואס מֶען אַדְוֶוערְטַייזְט וֶועגְן 'עַיִן הָרָע' אִיז אֱמֶת אָדֶער נִישְׁט?"** דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: דֶער חֵלֶק אַז אַן 'עַיִן הָרָע' קֶען שַׁאטְן, עֶס קֶען יֶענֶעם שְׁלֶעכְטְס טוּן - דָאס אִיז אֱמֶת, אָבֶּער דָאס צִי יֶענֶער קֶען עֶס אַרָאפְּנֶעמֶען דוּרְךְ גִיסְן בְּלֵיי וְכַדּוֹמֶה - דָאס וֵייס אִיךְ נִישְׁט, [אִיךְ וֵייס אַז נִישְׁט...], דִי צְדָקָה וָואס דוּ ווִילְסְט יֶענֶעם גֶעבְּן, קֶענְסְטוּ גֶעבְּן בַּיי דִיר אִינְדֶערְהֵיים, גֵיי צוּ דַיין פּוּשְׁקֶע בַּיי דִיר אִינְדֶערְהֵיים אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר עֶס זָאל מִיר נִישְׁט שַׁאטְן קַיין עַיִן הָרָע"**.

אָדֶער אִיז דָא נָאךְ אַן עֵצָה, אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מְבַטֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אֵיינֶער - וָואס הָאט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, אָדֶער אֵיינֶער וָואס עֶס גֵייט אִים נִישְׁט קַיין שִׁידּוּכִים בַּיי זַיינֶע קִינְדֶער, - קוּמְט צוּ אַ שִׂמְחָה, אוּן עֶר וֶוערְט מְקַנֵּא, עֶר טְרַאכְט: 'אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, קוּק אָן יֶענֶעם עֶס גֵייט אִים אַזוֹי גוּט', אָדֶער 'מִיךְ גֵייט נִישְׁט קַיין שִׁידּוּכִים, קוּק אָן יֶענֶעם עֶר הַאקְט שְׁטִיקֶער, עֶר מַאכְט יֶעדֶעס יָאר חֲתוּנָה נָאךְ אַ קִינְד', קֶען עֶר יֶענֶעם טְשֶׁעפֶּען מִיט זַיין שְׁלֶעכְטֶע קוּק, דֶערִיבֶּער קֶען מֶען אַסַאךְ מָאל הֶערְן אַז חָתָן כַּלָּה הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעבּוֹיגְן דִי פִּיס אִינְמִיטְן שֶׁבַע בְּרָכוֹת, וָואס אִיז דָא גֶעשֶׁען, עֶס אִיז דָאךְ אַן עֵת שִׂמְחָה?! - נָאר, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט ווִיסְן אֶפְשָׁר הָאט אֵיינֶער דָא גֶעגֶעבְּן אַ שְׁלֶעכְטֶע אוֹיג, אִיז וָואס אִיז דִי עֵצָה? אוֹיבּ דֶער מְחוּתָּן שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף אוּן זָאגְט בָּרַבִּים: **"שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער"**, וֶוערְט אַלֶעס בָּטֵל וּמְבֻטָּל.

דֶערְפַאר אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ זִיךְ אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן בַּיי יֶעדֶע שִׂמְחָה, וִוי אַ בְּרִית אָדֶער אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת, אוּן זָאגְן בָּרַבִּים: **"אִיךְ ווִיל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!" "שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!"** - דֶער מֶענְטְשׁ וַוייזְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט 'אִיךְ', אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

**נָאכְן דְרָשָׁה הָאט מֶען גֶעזוּנְגֶען:** "סִימָן טוֹב וּמַזָּל טוֹב, יְהֵא לָנוּ, וּלְכָל יִשְׂרָאֵל.

**נָאכְן בֶּענְטְשְׁן אוּן זָאגְן דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת הָאט מֶען גֶעזוּנְגֶען:** "אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּינוּ, אוּמַאן אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה"...


## חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך

פון דער ראש ישיבה שליט"א

אויף קול ברסלב

דרוקט: 1-2-4-2

- שמעו ותחי נפשכם -


# בְּרִיְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס הָאט גְרוֹיסֶע פְּחָדִים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת אוּן שֵׂכֶל וָואס אִיר גֶעבְּט פַאר מִיר, פַאר מַיין וַוייבּ, פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, אוּן פַאר וֶועם נִישְׁט. אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ מְלַמֵּד, אוּן אִיךְ שֶׁעפּ מַיין חָכְמָה פוּן אַייעֶרֶע בְּרִיְון, גִּלְיוֹנוֹת שִׁיעוּרִים, חִיזּוּק יוֹמִי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַזוֹי, אִיךְ הָאבּ אַ קִינְד אִין מַיין קְלַאס וָואס אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער פַּחְדָן, אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט אֵיינֶעם אַדְרֶעסִירְן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶּער הֱיוֹת אִיךְ הֶער אוֹיס יֶעדֶע שִׁיעוּר, בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ שִׁיעוּר וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט אִיבֶּער דִי מְלַמְּדִים אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב וִוי זֵיי גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף דִי כָּבוֹד פוּן דִי קִינְדֶער אוּן אוֹיף זֵייעֶרֶע גֶעפִילְן, הֶער אִיךְ דָארְט וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה דֶערְצֵיילְט פוּן אַ קִינְד וָואס אִיז אַרַיין אִין אַ פַּחַד אַז דֶער מְלַמֵּד אָדֶער בָּאס דְרֵייוֶוער גֵייט אִים אִיבֶּערְלָאזְן, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט דָארְט אַרוּם וִוי אַזוֹי מֶען אַכְטוּנְג אוֹיף דֶעם קִינְד, דֶער מְלַמֵּד מַאכְט עֶס מִיט חָכְמָה נִישְׁט אִיבֶּערְצוּלָאזְן דָאס קִינְד קֵיינְמָאל אַלֵיין.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ דָאס אִיז אַן הַנְהָגָה אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט אַ קִינְד וָואס הָאט פְּחָדִים, וַוייל אִיךְ טְרַאכְט אַז מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט בַּאגְלֵייטְן דָאס קִינְד זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, וִוי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען אוֹיס אַזַא קִינְד זִיךְ צוּ סְפְּרַאוֶועןְ מִיט דִי פַּחַד? אִיז דָאס טַאקֶע דִי לֶעזוּנְג אַז דֶער מְלַמֵּד זָאל מִיטְנֶעמֶען דָאס קִינְד מִיט זִיךְ אִיבֶּעראַל וואו עֶר גֵייט? דָאס קִינְד וֶועט דָאךְ אַזוֹי זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ לֶעבְּן נָארְמַאל?

אִיךְ פְרֶעג וַוייל אִיךְ הָאבּ יֶעצְט אַזַא קִינְד אִין מַיין קְלַאס וָואס הָאט שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּחָדִים, אִיךְ הֵייבּ אִים אוֹיף, אוּן אִיךְ רֶעד אַסַאךְ מִיט אִים אַז עֶר זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דֶער חֵלֶק אַז בִּיזְדֶערְוַוייל בַּאגְלֵייט מֶען דָאס קִינְד כְּסֵדֶר, כַאפּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהֶערִיג. אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע מְהַלֵּךְ אִין דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער, דַיינֶע תַּלְמִידִים - אֱמוּנָה, רֶעד אַסַאךְ פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי מֶער דוּ וֶועסְט רֶעדְן דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה - אַלְץ מֶער וֶועלְן זֵיי נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, וַוייל אֱמוּנָה נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע פְּחָדִים.

בְּנוֹגֵעַ דַיין תַּלְמִיד וָואס הָאט שְׁטַארְקֶע פְּחָדִים; אַז דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִים אוּן דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ אִים פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט עֶר וֶוערְן אַ גֶעזוּנְט קִינְד.

אַז דוּ רֶעדְסְט פוּן דִי מַעֲשֶׂה וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אִין חֵדֶר אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, וֶועל אִיךְ דִיר דֶערְצֵיילְן דִי סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה.

פַאר לַאנְגֶע חֳדָשִׁים הָאט דֶער קִינְד נִישְׁט גֶעהַאט קַיין מְנוּחָה, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ וַוארְפְן פַאר

שְׁרֶעק, עֶס אִיז אַרַיין אִין אִים אַ פַּחַד נָאכְדֶעם וָואס אַ בָּאס דְרֵייוֶוער הָאט גֶעוָואלְט מַאכְן סֵדֶר צְווִישְׁן דִי לֶעבֶּעדִיגֶע קִינְדֶער וָואס טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען אוֹיפְ׳ן בָּאס וֶועג אַהֵיים, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: ״וֶוער עֶס גֵייט נִישְׁט פָאלְגְן וֶועט נִישְׁט קֶענֶען מִיט קוּמֶען אוֹיפְ׳ן בָּאס, עֶר וֶועט בְּלַייבְּן אַלֵיין אִין חֵדֶר!״ דֶער קִינְד הָאט דָאס אָנְגֶענוּמֶען זֵייעֶר עֶרְנְסְט, עֶס אִיז אַרַיין אִין אִים אַ פַּחַד אַז מֶען גֵייט אִים אִיבֶּערְלָאזְן אִין חֵדֶר, עֶר הָאט מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּמֶען אִין חֵדֶר; גַאנְצֶע טֶעג אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן אִין שְׁטוּבּ אוּן וֶוען זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אִים גֶעהֵייסְן גֵיין אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען מִיט וֵויינֶען אוּן שְׁרֶעק.

אִין חֵדֶר הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק גֶערִירְט פוּן זַיין מְלַמֵּד; דֶער מְלַמֵּד אִיז אַן עֶרְלִיכֶער, אַ פַאַרְשְׁטֶענְדְלִיכֶער, פְלֶעגְט עֶר אִים מִיט נֶעמֶען מִיט זִיךְ, עֶר הָאט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיפְ׳ן קִינְד. וֶוען דֶער מְלַמֵּד אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין אָפִּיס – אִיז עֶר מִיט גֶעגַאנְגֶען, וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען רֶעדְן אוֹיפְ׳ן טֶעלֶעפָאן – אִיז עֶר מִיט גֶעגַאנְגֶען. דִי קִינְדֶער פוּן כִּתָּה הָאבְּן אִים מְקַנֵּא גֶעוֶוען, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן פַאר זַיינֶע עֶלְטֶערְן ׳דִי קִינְדֶער זֶענֶען מִיר מְקַנֵּא, זֵיי מֵיינֶען אַז אִיךְ גֵיי מִיט דִי רֶבִּי וַוייל אִיךְ בִּין אַ מְיֻחָס, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס פַאר אַ יְסוּרִים אִיךְ הָאבּ׳.

עֶר פְלֶעגְט אַהֵיים גֵיין אַ שָׁעָה פְרִיעֶר וַוייל דִי לֶעצְטֶע שָׁעָה פְלֶעגְט עֶר זִיךְ מַמָּשׁ וַוארְפְן פַאר שְׁרֶעק אַז אֶפְשָׁר גֵייט מֶען אִים אִיבֶּערְלָאזְן. עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין זוּנְטָאג אוּן פְרַייטָאג אִין חֵדֶר, וַוייל דֶעמָאלְט הָאט עֶר נִישְׁט קַיין וֶועג אַהֵיים פְרִיעֶר.

עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ אַרָאפּ צוּ שְׁרַייבְּן וָואס עֶר אִיז אַרִיבֶּער דִי פָּאר חֳדָשִׁים; דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין מְנוּחָה, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוְוּסְט וָואס צוּ טוּן, זֵיי הָאבְּן פַארְגָאסְן אַסַאךְ טְרֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן פַארְ׳ן קִינְד אוּן דֶער מְלַמֵּד הָאט אַסַאךְ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען פַארְ׳ן קִינְד.

דֶער סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה אִיז, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב דֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת; דֶערְצֵיילְט מִיר דֶער טַאטֶע פוּנֶעם קִינְד אַז זַיין זוּן זָאגְט אִים עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פַארְוָואס עֶר הָאט אַזוֹי מוֹרָא גֶעהַאט, עֶר קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז דָא מוֹרָא צוּ הָאבְּן...

אַזוֹי אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט מִיר דֶער טַאטֶע, אַז זַיין קִינְד הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין אִין שׁוּל וַוייל אוֹיפְ׳ן וֶועג זֶענֶען דָא הִינְט וָואס בִּילְן, דֶער קִינְד פְלֶעגְט הָאבְּן שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּחָדִים פוּן דִי הִינְט. דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן אַלְץ גֶערֶעדְט פוּן אֱמוּנָה אַז קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; דִי הִינְט בִּילְן – אָבֶּער קֶענֶען גָארְנִישְׁט טוּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אוּנְז, אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאסִירְט גָארְנִישְׁט; בִּיז דֶער קִינְד הָאט שׁוֹין נִישְׁט מוֹרָא, עֶר גֵייט אִין שׁוּל אָן קַיין שׁוּם פַּחַד, דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אַוֶועק צוּ נֶעמֶען שְׁרֶעק, רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה.

מֶען דַארְף הָאבְּן מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס וָואס הָאבְּן אֱמוּנָה, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען אֱמוּנָה מִיט תַּלְמִידִים נָאר אַז מֶען הָאט אַלֵיינְס אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה; אַז דֶער מְלַמֵּד אַלֵיינְס קְוֶוענְקֶלְט אוּן אִיז נִישְׁט זִיכֶער מִיט אֱמוּנָה, עֶר אַלֵיינְס פַאר זִיךְ הָאט פְּחָדִים, עֶר נֶעמְט פִילְן פַאר פְּחָדִים – וִוי אַזוֹי קֶען עֶר הֶעלְפְן זַיינֶע תַּלְמִידִים?

וואוֹיל אִיז דֶער וָואס אִיז מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן, דֶער הָאט אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת שלח, שנת תשפ״א)

## שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס דִי עֶלְטֶערְן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט״ו כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: ״בִּיסְטוּ פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת?״ הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: ״צוּמָאל בִּין אִיךְ פְּרוּם״; הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״נֵיין, שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ״.

דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן יז): ״צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת״, מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, ״כִּי מַעֲלוֹת וּקְדֻשּׁוֹת שַׁבָּת גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד״, וַוייל שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן טֵייעֶר, ״וְהַכְּלָל, שֶׁצָּרִיךְ לִנְהֹג שִׂמְחָה גְּדוֹלָה בְּשַׁבָּת קֹדֶשׁ, וְלִבְלִי לְהַרְאוֹת שׁוּם עַצְבוּת וּדְאָגָה כְּלָל, רַק לְהִתְעַנֵּג עַל ה׳״, מֶען טָאר נִישְׁט זַיין טְרוֹיעֶרִיג שַׁבָּת אוּן נִישְׁט זַיין פַארְזָארְגְט שַׁבָּת, נָאר פְרֵיילִיךְ.

שַׁבָּת אִיז אַ צַייט פוּן חִינוּךְ הַיְלָדִים, שַׁבָּת זָאלְסְטוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דַיינֶע קִינְדֶער. שְׁמוּעֶס מִיט זֵיי פוּן אֱמוּנָה, שְׁמוּעֶס מִיט דַיינֶע קִינְדֶער פוּן צַדִּיקִים. אוֹיפְן וֶועג צוּם שׁוּל אוּן אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים – אִיז אַ גוּטֶע צַייט צוּ רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן צַדִּיקִים, אוֹיךְ בַּיי דִי סְעוּדָה זָאלְסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן זֵיי פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים לז:) שַׁבָּת זָאל מֶען נִישְׁט שִׁיקְן דִי קִינְדֶער צוּם מְלַמֵּד לֶערְנֶען נֵייעֶ לִימּוּדִים וָואס דִי קִינְדֶער הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעלֶערְנְט: ״מִשּׁוּם דְּיִפְנוּ אֲבָהַתְהוֹן דְּיָנוּקֵי לְמִצְוָתָא דְשַׁבְּתָא״, וִוי דֶער רַ״ן אִיז מַסְבִּיר: ״שֶׁאֲבוֹת הַתִּינוֹקוֹת פּוֹנִין לְמִצְוַת שַׁבָּת, וּמִשְׁתַּעְשְׁעִין עִם הַתִּינוֹקוֹת, וְאִם יִקְרְאוּ הַתִּינוֹקוֹת לְכַתְּחִלָּה, יָחוּשׁוּ לְבִטּוּלָם״, וַוייל שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס דִי עֶלְטֶערְן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער אוּן הָאבְּן אַן עֹנֶג שַׁבָּת מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן אַז מֶען וֶועט לֶערְנֶען נֵייעֶ גְּמָרוֹת, נֵייעֶ הֲלָכוֹת – וֶועט זִיךְ עֶס פַארְצִיעֶן, אוּן דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין עֹנֶג שַׁבָּת מִיט דִי קִינְדֶער; זֶעט מֶען אַז שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס עֶלְטֶערְן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת ויחי, שנת תשפ״ג)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בר־סלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876